חוברת לג

ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

# רשימת זכרונות

**כתובים בידי הרבנית הצדקנית**

**מרת חנה ע״ה ז״ל**

**אשת כ״ק הרה״ג והרה״ח המקובל**

**מוהר״ר ר׳ לוי יצחק**

**זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע**

**הוריו של כבוד קדושת**

**אדמו״ר מנחם מענדל**

**זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע**

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושתים לבריאה

שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ״ק אדמו״ר הזקן

# Reshimas Zichronos

kesuvim bidei harabanis hatzidkanis
maras Chana

Installment 33

Published and Copyrighted © 2012
by

**Kehot Publication Society**
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / Fax (718) 774-2718
editor@kehot.com

**Orders:**
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / Fax (718) 778-4148
www.kehot.com

All rights reserved.

The Kehot logo is a trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

*Manufactured in the United States of America*

---

נסדר והוכן לדפוס על ידי חיים שאול בן חנה

The PrintHouse 538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237 (718) 628-6700 :נדפס בדפוס

ב"ה.

# פתח דבר

הננו מו"ל בזה חוברת ל"ג של „זכרונות" שנרשמו ע"י הרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה, אמו של כ"ק אדמו"ר זי"ע.

בהוצאה זו, באה הרשימה כפי שנעתקה מכתב־ידה של הרבנית, ולאח"ז גם בתרגום ללה"ק, ובתוספת ציונים והערות בשוה"ג, כמבואר בפרטיות ב„פתח דבר" לחוברת הראשונה.

*

ויהי רצון שההוספה בהפצת המעיינות חוצה, תזרז את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

**מערכת „אוצר החסידים"**

טו סיון, ה'תשע"ב
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן
ברוקלין, נ.י.

# אַ מסירה אויף שניאורסאָהן

איך געדיינק, איך בין אַמאָל געקומען פון גאַס אין שטוב אַריין, האָב איך געפונען זיצן, „אַ פּריסטאָוו״[476] האָט דאָס דעמאָלט געהייסן, מיט אַ קלענערן אָנגעשטעלטן פון פּאָליציי, מיט אַ מסירה אויף שניאורסאָהן:

אַזוי ווי ער איז אַן אייניקל פון דעם שניאורסאָהן[477], דעם אַלטן רבי׳ן, וועלכער האָט געמאַכט געלט אויף שיקן אין אויסלאַנד[478], וואָס דאָס איז דעמאָלט געווען פאַרבאָטן פון דער מלוכה, און מען האָט אים דעמאָלט אַריינגעזעצט אין „קרעפּאָסט״, און דער אייניקל מאַכט אומרוען צווישן דער אידישער באַפעלקערונג. און צוגענייט אַ דאָקומענט צו דער פּאַפּיר פון דער מסירה, אַז ער איז אַמאָל געווען אין טשערניגאָוו, און האָט זיך דאָרט אַזוי אָנגעג׳שיכר׳ט, אַז ער איז געגאַנגען אָן אַ סיורטוק[479]. אַזוי שלעכט האָט ער זיך געפירט.

בכן, בעט מען, אַז מען זאָל אים אַרויסשיקן פון שטאָט, און גע׳חתמ׳ט אויף דעם האָט זיך אַן אָנגעזעהענער בעל־הבית, אַ גביר און אַ למדן, נאָר אַ קנאי אַ מתנגד.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום, איז ער, גייענדיק אין גאַס, נפטר געוואָרן פון אַ האַרץ אַטאַקע.

געווען אַזעלכע וואָס האָבן געזאָגט אַז דאָס איז „שכר״ פאַר דער מסירה.

די פאַמיליע האָט געבעטן אַז שניאורסאָהן זאָל גיין צו דער לוי׳.

צו באַמערקן, אַז די פּאַסירונג פון טשערניגאָוו, איז ער געווען ביי

476) קצין משטרה.

477) להעיר מ„היום יום״ ז׳ ניסן. אגרות־קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ד ע׳ תקד.

478) ראה בית רבי ח״א פט״ו. מגילת י״ט כסלו (קה״ת, תש״ב) ע׳ 10.

479) ראה גם שיחות ש״פ צו, שושן פורים תשי״ד; ש״פ עקב, כ״ף מנחם־אב תשט״ז; ש״פ תשא, ט״ז אדר תשמ״ה (תורת מנחם התוועדויות תשי״ד ח״ב ע׳ 146 ואילך; תשט״ז ח״ג ע׳ 155 ואילך; תשמ״ה ח״ג ע׳ 1482).

זיין ברודער[480] אויף חתונה, וועלכער האָט געהייראַט דוד־הירש חן׳ס[481] טאָכטער[482], און דאָרט האָבן זיי ווי געוויינליך פאַרבראַכט.

* * *

## ערציילונגען וועגן פון רבי׳נס יוגנט

### י״ח ניסן תשי״א, ב׳ דחול המועד פסח, ברוקלין.

עס איז חול המועד. עס איז אפשר ניט אַזוי רעכט וואָס איך שרייב איצט[483], נאָר עס גלוסט זיך אַ ביסל פאַרצייכענען.

אַלזאָ, איך האָב געהאַט בריף צו שרייבן האָב איך אָפּגעלייגט אויף נאָך יו״ט, און דאָס, ד.ה. די עטליכע שורות וועל איך איצט שרייבן.

28־טן מאַרט 1939 פאַר פסח, די אידישע דאַטע וואָס דעמאָלט איז געווען געדיינק איך ניט[484], ווייל אַלץ וואָס איך האָב געדאַרפט טאָן אין יענער צייט, האָב איך זיך גענוצט מיט דער רוססישער דאַטע. דאָס איז געווען דער טאָג וואָס מען האָט אַרעסטירט מיין מאַן ז״ל[485].

פאַר די יאָרן איז אַסך דורכגעלעבט געוואָרן, וואָס איז שייך לבעלי ז״ל, האָב איך אַ ביסל געשריבן, וויפיל איך בין געווען בכח, און וויפיל עס איז פאַרבליבן אין מיין זכרון. עס האָט זיך מיר ניט געוואָלט עס זאָל אינגאַנצן פאַרגעסן ווערן, און אַ חוץ מיר איז לעבן אים קיינער ניט געווען.

עס איז שוין צוועלף יאָר, און שוין באַלד פיר יאָר וואָס איך בין הִיא[486].

480) הרה״ח הרה״ג ר׳ שלום שלמה שניאורסאהן. רב בעיר שיראקא ליד חרסון. בשנת תרפ״ה עלה לארה״ק יחד עם חותנו הרד״ץ. נפטר ז׳ שבט תרפ״ו. ומ״כ בהר הזיתים.

481) הרה״ג הרה״ח ר׳ חיים דוד צבי בן הרה״ג הרה״ח ר׳ פרץ חן. — ראה אודותו ספר השיחות תרצ״א ע׳ 223. וש״נ.

482) מרת רחל.

483) מצד הכתיבה בחול המועד.

484) ט׳ ניסן ה׳תרצ״ט.

485) ראה לעיל ע׳ 000.

486) הרבנית הגיעה לארה״ב ביום כ״ח סיון תש״ז.

אַ שבח והודאה לה׳, ולבני מענדל שליט״א שהגעתי עד הלום.

ניט אומזיסט גיט מען פאַר כיבוד אב ואם אריכות ימים[487]. אויף וויפיל ער מאַכט מיר גרינגער מיט זיין באַציאונג צו מיר, גאָט זאָל אים געבן לייגגע גוטע יאָרן מיט געזונט און הצלחה, ער זאָל פון ניט גוטע קיין מאָל ניט וויסן אמן.

לא אגזם אם אמר אז ער איז אַ קדוש וטהור.

איך דערמאָן זיך אויף זיין וואַקסן פון קינדווייס אָן[488]:

ווען אים איז געווען צוויי יאָר, האָט ער געקאָנט פרעגן די פיר קשיות. ער האָט גערעט געוויינליך ווי אַ קינד פון דעם „אייטש״[489], ווי מען זאָגט דאָ.

*

ווען אים איז געווען דריי יאָר, ערשטן איז ער, אין פשטות, געווען פשוט זייער אַ שיינער. ער האָט געהאַט לייגגע „בליאָנדע לאָקענעס״[490],

וועלכע איך האָב — אין דעם 40־טן יאָר, אַז איך בין אַוועק פון דער היים — זיי באַהאַלטן. און עס איז פאַרלאָרן געגאַנגען מיט אַלץ צוזאַמען.

*

ווען איך פלעג מיט אים גיין אין גאַס, האָט מען אים באַמערקט, און מען פלעגט זיך אָפּשטעלן קוקן אויף אים.

*

אין[488] דעם 5־טן יאָר[491], זיינען געווען די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, מיר האָבן זיך באַהאַלטן, פרויען מיט קינדער, אין אַן אַפּטייק. עס איז געווען אַ סכנה מען זאָל זיך פון דעם דערוויסן. קינדער עלטערע פון אים, און אויך אין זיינע יאָרן, האָבן געוויינט, אַ ביסל געטומלט, ער האָט זיך

487) יתרו כ, יב. ואתחנן ה, טז.

488) לכמה פרטים דלקמן, ראה גם לקמן ע׳ 000 — בפרטיות יותר.

489) גיל.

490) תלתלים (Locks).

491) אין דעם 5־טן יאָר: 1905.

געהאַלטן. אַז ניט נאָר וואָס איז ניט געווען פון אים קיין יסורים, ער האָט נאָך געווירקט אויף די איבריקע קינדער זאָלן זיין שטיל.

די מענטשן וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, דער אַפּטייקער, וואָס איז אַלעמאָל אַריינגעגאַנגען אַכטונג געבן אויף אונז, האָבן וועגן אים גערעדט מיט וואונדער. אים איז דעמאָלט געווען דריי יאָר.

*

איידער דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן פלעגט ער אַרום גיין אין שטוב און שרייען „דאַלאָי סאַמאַדערשזאַוויע"[492], ער האָט געהערט ווי מען רעדט, און האָט שוין עפּעס פאַרשטאַנען אַז פון דעםליידן אידן. איך געדיינק, אַז מיין טאַטע ז"ל[196] האָט מורא געהאַט מען זאָל דאָס ניט דערהערן[493], און האָט אים געהייסן שווייגן[494].

*

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן זיין גיין אין חדר, ביז מיר האָבן גענומען מלמדים אין שטוב. וואָס פאַר אַ פערגעניגן דאָס איז געווען!!

עפּעס האָט מען מיט אים אין יעדען פאַל באַזונדער געשטאָלצירט. עפּעס האָט ער. ניט ווייל ער האָט געוואָלט אַזוי, פאַרקערט, ער האָט זיך נאָך שטענדיג פון דעם אָפּגערוקט, נאָר עס האָט זיך אַרויסגערופן צו אים דרך־ארץ.

* * *

## דעם רבי'נס בר־מצוה

זיין בר־מצוה[495], איך גלויב אַז ער געדיינקט מסתמא וואָס ער האָט געזאָגט. דאַכט זיך צוויי דרשות אין „נגלה" און אין „נסתר".

---

492) הקץ לשלטון היחיד.

493) כלומר: שלא ישמעו את הדיבורים שקראו להפלת משטרו של הצאר, שעודד את הפוגרומים.

494) להעיר שבאותן שנים גרו אצלו (ראה לעיל ע' 000).

495) ראה גם לקמן מוצש"ק ר"ח אדר א' תשי"ט (לקמן ע' 000).

עס איז געווען זייער אַ גרויסער עולם, מיר האָבן געהאַט אַסך גוטע פריינט, און אַ חוץ דעם, איז דאָס געווען אַ נצחון פון די חסידים אין יענער צייט פאַר די רבנות פון אַזאַ קאַנדידאַט אַלס רב[496], איז מען אַסך מענטשן געגאַנען ניט קיין איינגעלאַדענע אויך.

דאָס איז געווען שבת[497], ביז נאָך הבדלה האָט מען פאַרבראַכט.

איך בין אין דעם צימער פון די דרשות ניט געווען. מען איז אַלע אַרום געגאַנגען מיט אַזעלכע התפעלות וואָס איז ניט איבערצוגעבן.

איך געדיינק, אַז עס איז צו מיר צוגעגאַנען דער אינשזעניער, פּאַליי – איך האָב אים שוין אַמאָל דערמאָנט[498]; מיט זייער אַ גוטע קאָפּ, האָט געקאָנט אַסך לערנען מיט חריפות – איך הער דאָס דעם ערשטן מאָל אויף מיין לעבן, האָט ער געזאָגט, פון אַ אינגל אין די יאָרן.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן: דער פאָטער האָט ביי אים געמאָנט ער זאָל אים געבן עפּעס אַ וואָרט. איך בין דערביי ניט געווען, און ער האָט ניט אַזוי גרינג צוגעזאָגט.

עס זיינען אַרויס פון דאָרט אַלטע און יונגע, פרייע און פרומע מיט פאַרוויינטע פּנימ׳ער. עפּעס אַן אָטמאָספער וואָס איך האָב ניט קיין ווערטער אויף שילדערן איר. דאָס האָט גענומען היפּשע שעות, ביז ער האָט געגעבן די תשובה אויף יאָ.

דערנאָך, איז מען אַלע אין איינעם אַוועק אין „רקודים״, מיט פאַרוויינטע פּנימ׳ער מיט אַ שטאַרקע שמחה, עפּעס איז מען אַלע אַוועק גאָר אין אַן אַנדער וועלט[499].

---

496) ראה לעיל ע׳ 000.

497) י״א ניסן תרע״ה חל ביום ו׳ ערב שבת הגדול.

498) לעיל ע׳ 000.

499) ב„די אידישע היים״ כסלו תשכ״ד (ע׳ ה) ע״י נ. בן־יוחנן (ר׳ ניסן גאָרדאָן), מפי הרבנית חנה ז״ל:

פון דער גרויסער בר מצוה וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן אין יעקאַטערינאָסלאַוו געדענקט די רביצין עד היום, אַז נאָך דער דרשה, וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען ביי אַלע אורחים, האָט דער בר־מצוה בחור זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעוויינט, און קוקנדיק אויף אים האָבן צאָל געסט אָנגעפאַנגען וויינען.

ער איז געווען אַ דאַרער אינגעלע מיט אַן איידעלעם באַגייסטערטן פּנים, וואָס מען באַגעגנט זייער וויייניק.

* * *

---

זי האָט געהערט אַז דער מאַן איז באַשטאַנען אַז דער בר־מצוה בחור׳ל זאָל אים געבן עפּעס אַ צוזאָג. וואָס דער צוזאָג איז געווען האָט זי ניט קיין אַנונג, אָבער זי געדענקט אַז שבת צו־נאַכט ווען דער בר מצוה בחור האָט מסכים געווען צו געבן זיין וואָרט, ווי דער פאָטער האָט פאַרלאַנגט, איז געוואָרן אַ גרויסע שמחה מיט ריקודים ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

ווער ווייסט? ... אפשר האָט זיך שוין דאַן גערעדט שטילערהייט צווישן פאָטער און זון וועגן זאַכן וואָס שטייען ברומו של עולם פון בית חב״ד?...

## ה״מסירה״

אני זוכרת שפעם אחת, כשנכנסתי מן הרחוב הביתה, נתקלתי בקצין משטרה (״פריסטאוו״ — כפי שהיה נקרא אז) יושב בבית, כשלצדו שוטר בדרגה נמוכה יותר, ובידם ״מסירה״ על שניאורסון ותוכנה:

הואיל ושניאורסון הוא נכדו של אותו שניאורסון — כלומר: אדמו״ר הזקן — שאסף כסף על־מנת לשלוח מחוץ למדינה[255], דבר שהיה אסור באותה עת מטעם המלוכה, והושיבוהו על כך במאסר במבצר, והנכד עצמו מעורר מהומות בקרב האוכלוסייה היהודית [לכתב ה״מסירה״ הוצמד מסמך, ובו נטען ששניאורסון היה פעם בצ׳רניגוב, והשתכר שם כל־כך עד שהלך ללא סורטוק![256]... עד כדי כך גרועה היתה הנהגתו!...] — ובכן, מבקש ה״מוסר״ ששניאורסון יגורש מן העיר.

על החתום היה בעל־בית חשוב בעיר, גביר ולמדן, אך מתנגד קנאי.

כעבור מספר חדשים נפטר אותו מתנגד מהתקף לב תוך כדי הליכה ברחוב. היו מי שאמרו שהיה זה ״שכרו״ על המסירה.

משפחתו ביקשה ששניאורסון יגיע להלווייה.

יש לציין, שהמאורע שאירע בצ׳רניגוב היה בעת שמחת החתונה של אחיו של בעלי[257], שנשא לאשה את בתו[258] של דוד־הירש חן[259], ומובן שהחוגגים התוועדו שם כדבעי...

* * *

---

255) ראה בית רבי ח״א פט״ו. מגילת י״ט כסלו (קה״ת, תש״ב) ע׳ 10.?

256) ראה גם שיחות ש״פ צו, שושן פורים תשי״ד; ש״פ עקב, כ״ף מנחם־אב תשט״ז; ש״פ תשא, ט״ז אדר תשמ״ה (תורת מנחם התוועדויות תשי״ד ח״ב ע׳ 146 ואילך; תשט״ז ח״ג ע׳ 155 ואילך; תשמ״ה ח״ג ע׳ 1482).

257) הרה״ח הרה״ג ר׳ שלום שלמה שניאורסאהן, רב בעיר שיראקא ליד חרסון. בשנת תרפ״ה עלה לארה״ק יחד עם חותנו הרד״ץ. נפטר ז׳ שבט תרפ״ו ומ״כ בהר הזיתים.

258) מרת רחל.

259) הרה״ג הרה״ח ר׳ חיים דוד צבי בן הרה״ג הרה״ח ר׳ פרץ חן. — ראה אודותו ספר השיחות תרצ״א ע׳ 223. וש״נ.

**י״ח ניסן תשי״א, ב׳ דחול המועד פסח, ברוקלין**

## סיפורים מילדותו של הרבי

עכשיו חול המועד, וייתכן שהעובדה שאני עוסקת עכשיו בכתיבה אינה הדבר הנכון לעשותו. אך מתאווה אני לרשום מעט זכרונות.

ובכן, דחיתי עד אחרי יום־טוב כתיבתם של מכתבים שהיה בדעתי לכתוב, ועתה אכתוב את השורות הבאות.

יום 28 במרץ 1939, לפני חג הפסח — את התאריך היהודי שחל ביום זה[260] אינני זוכרת, שכן בכל הדברים שהיה עלי לעשות באותה תקופה השתמשתי בתאריך הרוסי — היה היום שבו נעצר בעלי ז״ל[261].

הרבה תלאות עברנו במשך שנים אלה. ככל שהדברים שייכים לבעלי ז״ל — כתבתי מעט, ככל שכוחותי עמדו לי, וככל שנשאר בזכרוני. לא רציתי שהדברים יישכחו לחלוטין, ומלבדי לא היה איש עמו באותם ימים.

מאז עברו כבר שתים־עשרה שנה, וזה קרוב לארבע שנים שאני נמצאת כאן[262].

השבח וההודאה לה׳ ולבני מענדל שליט״א שהגעתי עד הלום.

לא לחינם השכר הניתן על כיבוד אב ואם הוא אריכות ימים[263]. כמה מקל הוא עלי על־ידי יחסו כלפיי! יתן לו השי״ת אורך ימים ושנים טובות, מתוך בריאות והצלחה, ולעולם לא ידע כל רע. אמן.

לא אגזם אם אומר כי הוא קדוש וטהור.

אני נזכרת בצמיחתו והתפתחותו הרוחנית, שהחלה עוד מילדותו[264]:

*

כשהיה בן שנתיים ידע לשאול את ארבע הקושיות. הוא דיבר כפי שמדברים ילדים בגילו (״age״, כפי שאומרים כאן).

*

כשמלאו לו שלוש שנים — לכל־לראש, בפשטות, הוא היה

---

260) ט׳ ניסן תרצ״ט.
261) ראה לעיל ע׳ 000.
262) הרבנית הגיעה לארה״ב ביום כ״ח ניסן תש״ז.
263) יתרו כ, יב. ואתחנן ה, טז.
264) לכמה מהפרטים המתוארים לקמן — ראה גם לקמן ע׳ 000 בפרטיות יותר.

יפה־תואר עד מאוד. היו לו תלתלים בהירים ארוכים, שהחבאתי אותם כשעזבתי את הבית, בשנת 1940, ואבדו יחד עם כל רכושנו. כשהייתי הולכת עמו ברחוב, אנשים היו מבחינים בו, ועוצרים כדי להסתכל בו.

*

בשנת[264] 1905 התרחשו הפוגרומים ברוסיה. הסתתרנו — נשים וילדים — בבית־מרקחת. לו נודע על כך — היתה זו סכנה גדולה. ילדים גדולים ממנו, וגם ילדים בגילו, בכו והרעישו מעט, אולם הוא החזיק מעמד, כך שלא זו בלבד שלא סבלנו ייסורים בגללו, אלא הוא אף השפיע על שאר הילדים שיהיו שקטים אף הם.

האנשים שהיו שם, וכן הרוקח שנכנס מפעם לפעם כדי להשגיח עלינו, דיברו עליו בפליאה. הוא היה אז בן שלוש שנים.

לפני שהחל הפוגרום, היה מתהלך בבית ומכריז: ״הקץ לשלטון היחיד!״ הוא שמע את הדיבורים בעניין זה[265], וכבר הבין במידת־מה שהשלטון גורם סבל ליהודים. אני זוכרת שאבי ז״ל[91] פחד שהדברים יישמעו, וציווה עליו לשתוק.

*

לאחר־מכן החלה תקופת הליכתו אל ה״חדר״, עד ששכרנו מלמדים שלימדוהו בביתנו. מה גדול היה העונג!!

היינו מתגאים בו שוב ושוב, בכל הזדמנות אפשרית: יש בו משהו מיוחד. לא משום שהוא חפץ בדבר; אדרבה — הוא תמיד התרחק מזה. אך יחס הדרך־ארץ כלפיו התבקש כמו מאליו.

## חגיגת בר־המצוה של הרבי

בחגיגת בר־המצוה שלו[266] — אני מאמינה שהוא זוכר, מן הסתם, את הדברים שנשא. כמדומתני שנשא שתי דרשות — בנגלה ובנסתר.

בחגיגה השתתף ציבור גדול מאוד. היו לנו ידידים טובים רבים, ומלבד זאת — היתה זו תקופת נצחונם של החסידים בעניין הרבנות, בכך שמועמד חסידי כה מובהק התקבל לרב העיר, ולכן הגיעו לחגיגת בר־המצוה אנשים רבים — גם כאלה שלא הוזמנו.

---

265) כלומר: הדיבורים שקראו להפלת משטרו של הצאר, שעודד את הפוגרומים.
266) ראה גם לקמן ע׳ 000 (מוצש״ק ר״ח אדר א׳ תשי״ט).

חגיגת בר־המצוה התקיימה בשבת[267], וההתוועדות נמשכה עד אחרי ההבדלה.

אני עצמי לא הייתי בחדר שבו נישאו הדרשות, אבל הכל התהלכו בהתפעלות מתוכנן, התפעלות שלא ניתן לתאר. אני זוכרת שהמהנדס פאליי — אותו הזכרתי כבר לעיל[268]; הוא היה מוכשר מאוד, וידע ללמוד היטב ובחריפות — ניגש אלי: "זו לי פעם ראשונה בחיי" — אמר — "שאני שומע דברים שכאלה מפי נער בגיל זה"!

לאחר־מכן החלה פרשה חדשה: אביו של בר־המצוה דרש ממנו שיבטיח לו דבר־מה — אני עצמי לא נכחתי שם — ולא בקלות רבה הוא הסכים לכך. יצאו מן החדר אנשים מבוגרים וצעירים, שומרי־מצוות ושאינם כאלה, בפנים בוכיות. שררה שם מין אווירה שאין בפי מלים לתאר. הדבר נמשך שעות רבות, עד שבסופו של דבר נתן בר־המצוה את תשובתו החיובית.

לאחר־מכן יצאו הכל יחד בריקודים, בפנים בוכיות אך מלאות שמחה, כביכול עברו כולם לעולם אחר[269].

הוא היה ילד רזה, בעל פנים עדינות ומלאות־השראה, כאלה שנתקלים בהן לעתים רחוקות מאוד.

267) יום בר־המצוה היה י"א ניסן תרע"ה, שחל ביום ו', ערב שבת הגדול.

268) ע' 000.

269) ב"די אידישע היים" כסלו תשכ"ד (ע' ה) מספר נ. בן־יוחנן (ר' ניסן גורדון) מפי הרבנית חנה ז"ל:

מחגיגת בר־המצוה הגדולה שנחוגה ביקטרינוסלב זוכרת הרבנית עד היום, שלאחר הדרשה, שמצאה חן רב בעיני האורחים, פרץ הבחור בר־המצוה בבכי מר, ולמראהו געו בבכייה גם רבים מהאורחים.

היא שמעה שבעלה עמד על כך שהבחור בר־המצוה יבטיח לו דבר־מה. מה היתה ההבטחה — אין לה כל מושג, אבל היא זוכרת שבמוצאי־שבת, כשהבחור בר־המצוה הסכים להעניק את הבטחתו כפי שדרש אביו, פרצה שמחה רבה, עם ריקודים שנמשכו עד שעה מאוחרת בלילה.

מי יודע?... אולי כבר אז התקיימו דיבורים חשאיים בין האב לבנו בעניינים העומדים ברומו של עולם, עולמו של בית חב"ד?...

נדפס על ידי ולזכות

**יוסף יצחק הכהן** בן **רישא**

וזוגתו **נחמה דינה** בת **מלכה רייזל**

**אוריאל צבי הלוי** בן **גיטל עטל**

וזוגתו **בתי'** בת **שרה מינדל**

**שלום דובער** בן **רבקה נעמי**

וזוגתו **אסתר** בת **מרים**

**בנימין** בן **חדוה**

וזוגתו **רבקה רחל** בת **אסתר שיינדל**

ומשפחתם שיחיו לאריכות ימים ושנים טובות

להצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב